lemaan.teida@antwerpen.be

# למען תדע

ערשיינט באר פון צייט צו צייט

| **ווי ווייניג מעגליך** | **ווי ווייט מעגליך** |
|---|---|
| גוזמאות | ריכטיגע נייעס |
| לשון הרע | כבוד הבריות |
| שקרים | כלל ישראל'דיק |

ב"ה דינסטיק ואתחנן צום תשעה באב תשע"ד נר 626 צעהנטער יאהרגאנג
5 augustus 2014

## שפעציעלע אויסגאבע

## "רבם דקרו"
## וועגן די מאניפולירטע "דרשה" פון ראש ישיבה
## הגרי"ד קאפעלמאן זצ"ל



דער ראש ישיבה זצ"ל זאגט א שיעור

## דער ראש ישיבה זצ"ל

די וואך (שבת דברים) איז אין די אנטווערפענער בתי מדרשים פארשפרייט געווארען א פאמפלעט (ווי געוועהנליך נישט געצייכענט) מיט א "דרשה" אויף יידיש פונ'ם באקאנטען ראש ישיבה הרה"ג ר' יצחק דוב קאפעלמאן זצ"ל. אין די דאזיקע "דרשה" האט דער ראש ישיבה זצ"ל גערעדט " קעגען זאגען תהילים פאר די יידישע רשעים אין ארץ ישראל" און נאך אנדערע האס-ווערטער. לויט דעם דאזיקען פאמפלעט איז אט די "דרשה" געזאגט געווארען אין די ישיבה לוצערן ביי שלש סעודות פון שבת פרשת פנחס תשמ"ב "באמצע מלחמת לבנון" .

הרב קאפעלמאן זצ"ל איז געווען א תלמיד פון גרויסען גאון דער גראדנער ראש ישיבה פון "שער התורה" הרב שמעון שקאפ זצוק"ל מחבר פון "שערי יושר" און איינער פון די צענטראלע חברים פון די "מועצת גדולי התורה" (נפטר געווארען אין יאהר ת"ש עטליכע חדשים נאכ'ן אנהויב פון די מלחמה).

אין די צווייטע וועלט מלחמה איז הרב קאפעלמאן זצ"ל פארשיקט געווארען נאך סיביר. ער האט מיט זיך געראטעוועט די כתבים פון זיין ראש ישיבה אויף די דריי בבות. ער האט דארט מיט מסירות נפש געלערנט מיט יינגלעך און בחורים. נאך די מלחמה איז ער צוריק געקומען נאך פראג אין שטעכא-סלאוואקיי פון ווי מען האט איהם געברענגט נאך אנטווערפען צו גרונדען די ישיבה "עץ חיים" אין קאפעללען. במשך 7 יאהר און מעהר האב איך דארט געלערנט ביים ראש ישיבה.

עס געפונען זיך נאך היינט אין אנטווערפען א צאהל פון זיינע קאפעלענער תלמידים. א טייל וואוינען אין ארץ ישראל, א טייל אין אמעריקע און אין אנדערע לענדער. א טייל פון זיי זענען שוין ליידער נישטא, יהי זכרם ברוך.

נאך קאפעלען איז ער א קורצע צייט געווען אין אמעריקע ביז ער האט איבערגענומען די לייטונג פון די ישיבה אין לוצערן וועלכע ער האט געפיהרט ביד רמה במשך לאנגע יאהרען און אוועקגעשטעלט בע"ה טויזענטער תלמידים שי' צווישען זיי רבנים און ראשי ישיבות, ביז ער איז נפטר געווארען בשיבה טובה אין יאהר תשע"א זי"ע.

## דער היינטיקער מצב אין ארץ ישראל

מען ווייסט אז די יידען אין הייליגען לאנד געפונען זיך היינט אין א שווערען מצב צוליב די מלחמה פון "צוק איתן". יעדען טאג זענען דארט ליידער געפאלען קרבנות, טויטע און פארוואונדעטע, קדושים הי"ד וועלכע האבען מיט מסירות נפש געקעמפט צו שיצען אחינו בני ישראל הנתונים בצרה ובשביה, א טייל פון די סאלדאטען זענען אפילו ריכטיגע שומרי תורה ומצוות. אללע גדולי ישראל אין די גאנצע וועלט האבען אויפגערופען מען זאל מתפלל זיין פאר זיי און פאר אללע יידען און לזכותם מרבה זיין במצוות און מעשים טובים.

אין אנטווערפען האט דער בית דין אויסגערופען מען זאל יעדען טאג זאגען תהילים פאר אחינו בני ישראל. אין פשעווארסקער בית המדרש האט דער רבי שליט"א געהייסען זאגען תהילים, אזוי אויך אין אללע אנדערע בתי מדרשים איז מען מתפלל מען זאל זיי פון היממעל אפהיטען פון יעדע שלעכטכס און עס זאל שוין זיין "הפורס סוכת שלום עלינו ועל כל עמו ישראל ועל ירושלים"

פלוצלונג האט א'ן אנטווערפענער ייד מיר לעצטע וואך (דינסטיק) צוגעשיקט א'ן אי-מעיל מיט די אויבען-דערמאנטע "דרשה" פון מיין ראש ישיבה. עס איז דאס ערשטע מאהל וואס איך האב די "דרשה" געליינט און איך האב מיך דערשראקען.

יעדער האט געוואוסט אז דער ראש ישיבה האט געהאט א קנאיש'דיקע שיטה בנוגע ארץ ישראל. בפרט איז ער פערזענליך שטארק געווען אונטער דעם איינדרוק פונ'ם גורל פון די יידישע קינדער. קודם ביי די פרשה פון די "ילדי טעהעראן" און שפעטער ביי די אנדערע קינדער-טראנספארטען, ווען יתומים פון פרומע און חרדישע עלטערען וועלכע זענען געראטעוועט געווארען פון די שואה, זענען איבערגעפיהרט געווארען נאך ארץ ישראל דורך משה קול און זיינע מיטהעלפער פון "עלית הנוער" און בכח אוועק געפיהרט געווארען פונ'ם יידישען וועג.

אללע גדולי ישראל און אויך די גאנצע חרדישע וועלט,זענען דאמאלט פון דעם אויפגעציטערט געווארען. עס האט אבער נישט געהאלפען און די קינדער זענען אריינגעשיקט געווארען אין לינקע קיבוצים, האבען גענצליך פארגעסען דעם שמע ישראל און אפילו געווארען קעמפערס קעגען דת משה וישראל.

## זיין שטאנדפונקט וועגן ארץ ישראל

במשך די אללע יאהרען וואס איך האב ביי הרב קאפעלמאן זצ"ל געלערנט אין די ישיבה, בין איך געווארען זעהר נאנט צום איהם. דרך אגב : צווישען זיינע ספרים האט ער אויך געהאט דעם ספר "ברוך טעם" (ווארשא תרס"ו, געבונדען מיט נאך צוויי ספרים) מיט זיין פריוואטען שטעמפעל. ער האט מיר דעם ספר געגעבען במתנה מיט די אויפשריפט "... נותן בעין יפה לידידי פנחס אליקום נ"י, יצחק דב קאפעלמאן" (ווייל מיר זענען אייניקלעך פון ברוך טעם). איך האב דעם ספר געלאזט איבערבונדען און איך היט איהם אפ אין מיין ספרים שראנק.

דורך אט די נאנטקייט, ווייס איך אויך אז דער ראש ישיבה האט זיך טאקע געהאט זיינע קלאהרע דעות אויף דעם געביט, ער האט געקענט א מאהל לאזען פאלען א ווארט, אבער ער איז אין די ישיבה קיינמאהל נישט ארויסגעקומען מיט א שארפקייט. די בעסטע ראיה איז, אז פון די הונדערטער קאפעלענער בחורים (עס איז דא א ליסטע פון זיי) האט זיך נישט געטראפען איינער וואס זאל דארט האבען איבערגענומען קנאישע שיטות.

אויך שפעטער האב איך נאך עטליכע מאהל פערזענליך גערעדט מיט'ן ראש ישיבה וועגן "פאליטישע" פראבלעמען. ער האט קלאהר געוואוסט וואס איך האלט, געוואן גאנץ אפען און האט קיינמאהל נישט געפריווט מיך איבער צו רעדען וועגן די שיטות. ווען איך רעדט מיט די אנדערע קאפעלענער תלמידים, הער איך פון זיי געניי דאס זעלבע.

ווי געזאגט איז ער געווען א תלמיד מובהק פון הרה"ג ר' שמעון שקאפ זצ"ל. כדאי דא צו פובליצירען א בריעף פון זיין גרויסער ראש ישיבה ווי ער שרייבט מיט א ווארעמקייט און א ליבשאפט צו די חתונה פון א'ן אייניקעל וועלכע איז נאך פאר די מלחמה אריינגעפאלען אין א לינקען קיבוץ פון מפ"ם:

> הנני גם אני למלא חפץ לב. ולב כל אוהבכם, להגיש אליכם ברכת אב זקן, אברך אתכם מקרב ולב שתהא אגודתכם שלמה, וכשמו "שלמה" כן ישפיע העליון על שלמה ופייגא שיהיו שלמים בריאים וקיימים בגופם וברוחם, לבנות בית בכרם ד' צבאות לברכה ולתפארת, ודור ישרים מהם יבורך. וכאשר נכדתי פייגא תחי' הביאה לי מנחת ביכורים מארץ הקדושה, לשמחני בנשואיה כן אזכה בחיי עוד לשמוח בנישואי יתר נכדי ולראותם מוצלחים בחייהם, ונושאי דגל היהדות ברוח ישראל סבא, כעתירת אוהבם מברכם
> בברכה משולשת, שמעון יהודא הכהן שקאפ

## מען האט מאניפולירט די דרשה

מיין ערשטע רעאקציע אויף דעם פאמפלעט מיט די "דרשה" איז געווען א קלאהרע: דאס קען נישט זיין, די דרשה איז נישט אריגינעל און איינער האט די "דרשה" מאניפולירט .

עס קען זיין אז דער ראש ישיבה האט ביי שלש סעודות טאקע גערעדט וועגן דעם ענין, אבער ער האט זיכער נישט געזאגט וואס עס שטייט דארט, מען האט פארדרייט זיינע ווערטער, מען האט ארויסגענומען ווערטער פון זייער פארבינדונג (context), אונטער-געשטראכען געוויסען שורות און זיי געשריבען אין "פעטע" אותיות (bold)און על כולם פשוט צוגעלייגט ווערטער וואס ער האט בכלל נישט געזאגט.

די אינטערעסירטע וואס האבען דאס געטוהן, האבען געהאט לייכט צו מאניפולירען די "דרשה". עס איז געווען א שבת און מען האט נישט אויפגענומען די "דרשה" . זיי קענען שרייבען וואס זיי ווילען, ווער וועט באווייזען פארקערט. זיי האבען דארט פאכמעניש "צוגעפוצט" דעם נוסח און עס ארומגעשיקט אין די וועלט צו זייערע מענטשען.

ערשט דארף מען וויסען ווער האט "פארענדערט" (איך געברויך נישט דאס ווארט "געפעלשט" ווייל דאס איז נישט קיין אידעל ווארט) די דאזיקע "דרשה" ? איך קען אויף דעם נישט אויפקלעבען קיין נאמען און וועט דאס מסתמא קיינמאהל נישט וויסען. דאס איז אבער זיכער אז אין יעדע ישיבה זענען דא "פראבלעמאטישע" בחורים. דער מאניפולאנט איז מסתמא געווען איינער פון די דאזיקע "תכשיטים", איינער וואס איז שוין געווען שפעציאליזירט אין אט די "מלאכת הקודש".

איך ווייס אז עס איז נישט לייכט צו באווייזען אזא "ענדערונג" פון א דרשה.

## פרעמדע אויסדרוקען

איך האב קודם גרונדליך אנאליזירט די ווערטער און דער נוסח פון די "דרשה". עס איז באקאנט אז דער ראש ישיבה האט גערעדט א קלאהרען פארצייטישער רוסישער יידישער זשארגאן. ער האט יעדעס ווארט גוט און ריכטיג אויסגעשפראכען און באטאנט. ער האט געגעני געוואוסט וועלכעס ווארט קומט בלשון זכר, בלשון נקבה אדער נישט געבונדען און וואס קומט בלשון יחיד אדער בלשון רבים (די, דער, דאס). דער פאמפלעט איז אבער פול מיט פעלערען אויף דעם געביט , מען לייגט אריין אין מויל פון ראש ישיבה ממש דער זעלבער פארדרייטער יידיש וואס מען לערנט אין געוויסע יידישע צייטונגען.

איך ווערען דארט דערמאנט אזעלכע אויסדרוקען וואס דער ראש ישיבה האט קיינמאהל נישט געברויכט ווי למשל: " זיי פאפען אויס די וועלט, דעס איז נאך ערגער.., כאטשיג, שטארקע טעקס, אז אונז האבען מיר נישט קיין שיכות, ווען זיי וואלטען ווען..., דעמאלס.., ווייסען מיר אונז נישט, אבער אונז דארפען זיך שטארקען, א.א.וו"

## תלמידים פון לוצערן (תשמ"ב)

דאן האב איך איבעראל אויפגעזוכט תלמידים וואס האבען אין יאהר תשמ"ב געלערנט אין די ישיבה אין לוצערן. דאס איז אויך נישט געווען לייכט, א) ווייל עס איז שוין 32 יאהר צוריק , ב) ווייל עס איז געווען אין זומער און א טייל פון די תלמידים (טראץ דער ראש ישיבה האט מקפיד געווען מען זאל נישט פאהרען פאר תשעה באב) זענען געפארען אויף וואקאנצען (דאטשעס). דאס איז אבער זיכער אז די אויבען-דערמאנטע "פראבלעמאטשע-בחורים" זענען דארט אללע געווען.

איך האב געטראפען א פאר ערנסטע תלמידים פון די צייט און זיי האבען מיר אללע געזאגט אז דער ראש ישיבה האט טאקע גערעדט וועגען דעם ענין, עס איז טאקע געווען א "שארפע דרשה", אבער זיי זענען זיכער אז דער ראש ישיבה האט איבערהויפט נישט געזאגט די ווערטער און די געדאנקען וועלכע שטייען אין דעם אויבען דערמאנטען פאמפלעט.

איך האב מיך אבער נישט אפגעשטעלט און איך האב ווייטער געזוכט ביז ב"ה יגעתי ומצאתי.

## ספר "ניצוצי אור"

הרב אברהם דוד ראזענגארטען שליט"א פון ציריך (היינט אין ירושלים), א'ן איידעם פון ראש ישיבה הרה"ג ר' י.א. טרעגער שליט"א, האט א צייט געלערנט אין לוצערן ביים ראש ישיבה זצ"ל. ער האט גוט צוגעהערט און זיך פארשריבען אללע זיינע מוסר-דרשות. ער האט זיי שפעטער אפגעדרוקט אין א ספר "ניצוצי אור".

ממש מן השמים: ער האט אין יאהר תשמ"ב געלערנט אין די ישיבה און איז געווען אנוועזענד ביי די דאזיקע "דרשה" פון פרשת פנחס. ווי געוועהנליך האט ער זי גוט אויסגעהערט און זי גלייך נאך שבת אפגעשריבען. ער האט זי שפעטער דארט אפגעדרוקט (דף קס"ז-קס"ח) צווישען אללע אנדערע דרשות פון ראש ישיבה.

נאך מעהר: ער האט כסדר אריינגעשיקט זיינע גליונות צום ראש ישיבה זצ"ל וועלכע האט זיי קאנטראלירט און מסכים געווען צו זיי. דער ראש ישיבה שרייבט טאקע אין די הסכמה צום ספר אז "כבר בעת שלחך אלי גליונות אלו במשך השנים נהנתי מאד מכתיבת הדברים בהבנה ישרה ובשפה ברורה ועתה ברצונך להוציא הדבר לאור עולם...." (זעה ווייטער)

איך ברענג דא אראפ א קאפיע פון ספר "ניצוצי אור", ווי אויך א קאפיע פון ראש ישיבה'ס בריעף. מען דארף צו דעם גארנישט מוסיף זיין, ווייל ווער עס קוקט אין דעם אריין זעהט קלאהר אז די אריגינעלע דרשה האט קיין שום עהנליכקייט צו די מאניפולירטע "דרשה" פון אויבען-דערמאנטען פאמפלעט. (מען פארשטייט אז איך פובליציר נישט דעם נוסח פון די מאניפולירטע "דרשה". דער וואס האט זי נישט געליינט האט גארנישט פארפעלט).

קנאותו ותמימות לבו באש להבה ו׳ברענ׳ של קדושת ישראל שבערה בקרבו [ומסר נפשו ע״ז בדאי׳ בחז״ל] הרג את זמרי. ועי״כ השפיע ועורר אצל כלל ישראל את רוממותם ומעלת קדושתם. ופי׳ הפס׳ בקנאו את קנאתי ״בתוכם״ היינו שהחדיר והשריש את ענין קנאותו בתוך הכלל כולו. ויתירה מזאת שאת בה קנאותו ותמימות לבו זכה הוא עצמו לקבל מתוך הכלל כמו שכתוב לעיל ויקם ״מתוך״ העדה וגו׳ ולא עשה את המעשה בהתנשאות ובגאוה אלא בענוה ובפשטות בשליח ציבור מתוך העדה, שאף על פי שאצל הכלל כולו היה אז פגם וקרירות בענין, מ״מ הוא עצמו התחזק ברעתו שכיון שהוא חלק מתוך הכלל ובתוך הכלל כולו בודאי יש ענין קנאות זה, הרי הוא רק מקיים את שליחות הכלל. וזה פי׳ הפסוק ׳ויכפר על בני ישראל׳ והקשו במדרש ׳וכי קרבן הקריב׳ דמשמע דהכפרה כאן יש לה שייכות עם כפרת קרבן, ולדברינו מבואר היטב לפי שהתכלית הנרצה של קרבן שיקרבו ישראל לאביהם שבשמים וכן היה אצל פנחס שעל ידי קנאותו נתקרבו ונתקדשו ישראל וזאת היתה כפרתם.

**כתיב** צרור את המדינים והכיתם אותם כי צררים הם לכם וגו׳ אית׳ במדרש (כא, ה) מכאן אמרו חכמים הבא להרגך השכם להרגו. ר״ש אומר מנין שהמחטיא את האדם יותר מן ההרגו, שההורג הורג בעוה״ז ויש לו חלק לעוה״ב והמחטיא הורגו בעוה״ז ובעוה״ב וכו׳ אבל אלו שקרמו בעברה להחטיא את ישראל כתיב ולא יבא עמוני ומואבי גם דור עשירי וגו׳ עד עולם. ולפי הנ״ל מבוארים דברי המדרש היטב, שהרי היציאה ממחנה ישראל ממקום קדושתם הביא אותם לגזירת כלי׳ ח״ו, ק״ו שהחטא עצמו מרחיק את האדם ממעלתו ומקדושת ישראל. ולכן צריך לדאוג לעמוד בפרץ שלא יכנס היצה״ר למחננו ולתוכינו שהוא סכנה גדולה יותר מאשר נהרגים יהודים ח״ו (תקופת מלחמה כנגר לבנון). ועל זאת חיבת להיות דאגתנו שישארו כלל ישראל בקדושתם ובמעלתם שהן עם לבדד ישכן וגו׳ ועל ענין זה צריכים אנו להתפלל.

**ובאוה״ח** הק׳ נתן עצה לענין וכמו שפירש את הפסוק צרור את המדינים וגו׳ וז״ל: שנתכוון ה׳ במאמר זה לתקנתם של ישראל וכו׳ היות שעם ישראל טעמו עריבת הזנות וגם נדבקו בפעור וכו׳ יעץ ה׳ ואמר צרור וגו׳ הכוונה בזה להקדים לשנוא את המחטיאים, גם להתעיב הערב והטוב הבא מהם לאבד כל עץ נחמד... על אשר גרמו להם עשות רע, והוא על דרך אומרו, הלא משנאך ה׳ אשנא, פי׳ משנאיך כאלו אמר משניאך שגורמים לשנאת בחור בטוב... ובאמצעות מחשבה זו תהי׳ מתרחקת תאות העבירה מהם ויולד בהם טבע אלק׳, ומידה זו מידה סגולית היא לחפץ בחיים ע׳ שם לשונו הזהב. והיינו

די דרשה באציהט זיך אויפ'ן פסוק פון "צרור את המדינים והכיתם אותם".

המשך :



שהעצה ומידה הסגולית לקיים מה שנאמר 'הלא משנאיך ה' אשנא', לשנוא את החטא ואת המחטיאים הרוצים לעקור את קדושת ישראל, ולא להתחבר עמם כי ההתחברות גורמת לרע ח"ו כמו שהי' בשטים כשיצאו העם לטייל חוץ למחנה ישראל, אלא צריך להתרחק מהם ולהותיר את המחטיאים האלו מחוץ למחנה, ועל ידי כך תהא קדושת מחנה ישראל נשמרת.

**וביותר** צריך להיזהר כשהיצר בא בצביעות כמבואר אצל אלי' הנביא בהר הכרמל (מלכים א, יח) שאמר: עד מתי אתם פסחים על שתי הסעיפים אם ה' האלק' לכו אחריו ואם הבעל לכו אחריו וגו'. שלכאורה קשה איך נתן אליהו לנביאי הבעל את הבחירה כאילו יש להם רשות וכמו שאמר 'ואם הבעל לכו אחריו', הלא היה צריך להזהירם כי רק ה' הוא האלקים. וי"ל שחשש מן הצבועים המראים את עצמם כאילו הם שייכים למחנה ישראל ובאמת עיקר מחשבתם הוא להתקשר עם בני ישראל ולעקור מהם קדושתם, ולכן אמר אליהו שמי שאינו מאמין בה' אלקים ואינו רוצה ללכת בדרך התורה עליו להתרחק לגמרי - ואם הבעל לכו אחריו.

**וכן** הוא אצל היצה"ר, שלפעמים מראה עצמו כמעורר לדבר מצוה, ובאמת מחשבתו אלינו לרעה. והעצה לזה הוא לעורר תמיד את ענין הקנאות "הבריון" להיות סור מרע ועשה טוב ובזה נזכה לסייעתא דשמיא כמו שכתוב אוהבי ה' שנאו רע שמר נפשות חסידיו מיד רשעים יצילם.

## פרשת פנחס

(תשמ"ג)

**וידבר** ה' אל משה לאמר פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי מעל בנ"י לכן אמר הנני נותן לו את בריתי שלום. ופרש"י שהכוונה לברית כהונה כמו שכתוב אח"כ, והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהנת עולם. ופרש"י והיתה לו: בריתי זאת. אבל בספורנו פירש שהברית שלום היתה מתנה בפני עצמה מלבד ענין הכהונה וז"ל: שלום, ממלאך המות כענין עושה שלום במרומיו, כי אמנם ההפסד לא יקרה אלא בסיבת התנגדות ההפכים, וזה אמנם נתקיים בפנחס שהאריך ימים מאד מכל שאר אנשי דורו וכו' וכל שכן לדברי האומר אליהו זה פנחס, והוא עדין חי וקיים. ע"כ. ומבואר שברית השלום היא ברית שלימות ממלאך המות כי כאן זכה לעלות לדרגת אליהו הנביא. וצריך להבין מהו המידה כנגד מידה שניתן לו בשכר זה.



בס"ד

סיון ה' תשס"ט

## מכתב ברכה

לכבוד תלמידי אהובי מתלמידי ישיבתנו הק' הר' רבי אברהם דוד רוזנגרטן שליט"א בן ידידנו איש חי ורב פעלים אוהב תורה ולומדיה ה"ה הרב אליהו רוזנגרטן שליט"א

לגודל חיבת הדברים אעלה כמה שורות עלי גליון, שמח לבי לשמוע שנשאך לבך לסדר שיחות המוסר שאמרנו בישיבה בשנות לימודיך בישיבתנו לפי סדר הפרשיות דבר דבר על אופנו.

כבר בעת שלחך אלי גליונות אלו במשך השנים מעת לעת נהניתי מאד מכתיבת הדברים בהבנה ישרה ובשפה ברורה ועתה ברצונך להוציא הדבר לאור עולם אקוה שיהיו הדברים לתועלת הרבים ובפרט לתלמידי ישיבתנו לעורר הלב לחיזוק התורה ויראת שמים ולתיקון המידות.

אסיים בברכה שתזכה להמשיך לשבת בבית ה' על התורה ועל העבודה בשקידה רבה להגדיל תורה ולהאדירה, מתוך בריאות הגוף ורב נחת מכל יו"ח.

בברכה

מכתב ברכה אונטערגעשריבען דורכ'ן ראש ישיבה זצ"ל

איך האב אויך קאנטאקטירט די משפחה פון ראש ישיבה. זיי האבען שוין פאר א צייט געהערט אז עס גייט ארום אזא ברייעף. עס איז ביי זיי נישט קיין ספק אז דער נוסח וואס ערשיינט אין ספר "ניצוצי אור" איז א קארעקטע ווערסיע פון ראש ישיבה'ס דרשה.

עס איז דעריבער קלאהר און בולט אז די "דרשה" איז מאניפולירט געווארען. וועגען פאליטישע סיבות האבען א פאר אנשי בליעל "פארדרייט" און פארשפרייט (און פארשפרייטען נאך היינט) אזא ביליגער מאניפולירטער דאקומענט.

**(המשך עמוד 9)**

## דער ראש ישיבה זצ"ל ביים דינער פון די ישיבה ווילרייק

חשון תשס"ז, ביים דינער פון די ישיבה "עץ חיים" פון ווילרייק, איז דער ראש ישיבה זצ"ל איינגעלאדען געווארען אלס גאסט רעדנער.

ביי די געלעגענהייט האט מען געמאכט א בילד פון די תלמידים (וואס וואוינען אין אנטווערפען אדער געפונען זיך פונקט אין שטאט) וועלכע האבען פאר 50 יאהר צוריק געלערנט ביים ראש ישיבה זצ"ל אין קאפעללען.



## מיר שרייען ווייל עס טוהט וויי

מיר, די תלמידים פון אונזער גרויסען ראש ישיבה זצ"ל, זענען פון דעם שאקירט און זאגען: היינט איז תשעה באב און מיר האבען געלערנט אין די אגדתא מעניני חורבן הבית אין פרק הניזקין "יאמרו רבם דקרו" .
כי יסכר פי דוברי שקר, פאר די וואס האבען געהאט דעם עזות מצח און די חוצפה פון "רבם דקרו", אריינצושטעכען א מעסער אין רוקען פון א גדול בישראל, צו פארשפרייטען אין זיין נאמען שנאת חינם און להבאיש את ריחו בעיני כל בית ישראל.
מיר ווייסען אז דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געווארען " מפני שהיתה בו שנאת חינם" (יומא ט) . נצח ישראל לא ישקר ער וועט זיך אפרעכענען מיט די וואס זענען מסלף דברי צדיקים און וידרכו לשונם קשתם שקר.
לעולם וואלט מען זיך בכלל נישט געדארפט אנרופען, ווייל מען האט צו טוהן מיט ביליגע מענטשען (?). נאר אזוי ווי דער בריסקער רב זצ"ל האט געזאגט אויף איוב ששתק, אז דעם וואס עס טוהט וויי, דער שרייט. מיר אללע טוהט וויי (איך זאג "מיר" בלשון רבים, ווייל אללע תלמידים זענען אויפגעקאכט), עס טוהט אונז וויי און דעריבער שרייען מיר.
מיר האפען אז באלד וועט שוין מקויים ווערען "מהרה יבנה הקדש, ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים"

פנחס קארנפעלד
אין נאמען פון די תלמידים פון ראש ישיבה זצ"ל.

## אין קומענ'דיקען נומער אי"ה

א) די רעאקציע פון אנטווערפענער בירגעמייסטער וועגען די פרשה מיט'ן דאקטאר וואס האט נישט געוואלט באהאנדלען א'ן עלטערע יידישע פרו
ב) א פאלעסטינענזער צוג אין אנטווערפענער צענטראל שטאציאן.
ג) .

**"למען תדע" דאנקט די בעלגישע שטיפטונג**
**Stichting van het Jodendom van Belgie**
**פאר איהר שטיצע**

**lemaan.teida@antwerpen.be**
**e-mailלמען תדע" ווערט ארויסגעשיקט פער"**
**e-mailנישט יעדער איינער האט**
**דעריבער ווער עס מאכט א פאטא-קאפיע פון "למען תדע" און גיט עס**
**צו זיין חבר, זיין שכן אדער פארטיילט עס אין בית המדרש,**
**תבוא עליו ברכה**